וועלן דיך (אויך) אַרויסטראָגן. און זי איז גלייך 10
אַנידערגעפאַלן צו זיינע פיס און אויסגעגאַנגען;
און די יונגעלייט זענען אַריינגעקומען און האָבן זי
געפונען אַ טויטע; און, אַרויסטראָגנדיק, האָבן זיי
זי קובר געווען ביי איר מאַן. און עס איז געקומען 11
אַ גרויסע מורא איבער דער גאַנצער קהילה און
איבער אַלע, וואָס האָבן דאָס געהערט.

און דורך די הענט פון די שליחים זענען געשען 12
אַ סך אותות און מופתים צווישן דעם פאָלק; און
אַלע זענען געווען צוזאַמען אין דעם אולם של
שלמה. פון די איבריקע אָבער האָט קיינער זיך 13
נישט אונטערגעשטעלט צו באַהעפטן צו זיי, נאָר
דאָס פאָלק האָט זיי געהאַלטן זער טייער; און די 14
מאמינים אינעם האַר האָבן זיך פיל פאַרמערט, מאַסן
מענער און אויך פרויען; אַזוי, אַז מען פלעגט 15
אַרויסטראָגן קראַנקע אויף די גאַסן, און זיי
געלייגט אויף בעטן און געלעגערס, כדי ווען
פעטרוס וועט קומען, זאָל ווייניקסטנס זיין שאָטן
פאַלן אויף עמיצן פון זיי. און אַ המון מענטשן 16
איז זיך צוזאַמענגעקומען אין ירושלים פון די שטעט
אַרום, ברענגענדיק צו טראָגן שלאַפע און געפלאָגטע
פון אומריינע גייסטער, וועלכע זענען אַלע געהיילט
געוואָרן.

און דער כהן גדול איז אויפגעשטאַנען און אַלע, 17
וואָס זענען געווען מיט אים (דאָס איז די כיתה פון
די צדוקים), און זענען פול געוואָרן מיט קנאה,
און האָבן אַרויפגעלייגט די הענט אויף די שליחים, 18
און זיי איינגעזעצט אין דער שטאָטישער תפיסה.
און אַ מלאך פון דעם האַר (ג־ט) האָט ביינאַכט 19
אויפגעעפנט די טירן פון דעם געפענקעניש, און
זיי אַרויסגעפירט, און געזאָגט: גייט; שטעלט זיך 20